בס"ד

# מגדים של זהב

**על דרך הפלפול והחידוד**

**שנת תשפ"ה - גליון קצד**

## בהעלותך

בענין

**קושית איך היה משה רבינו בסנהדרין, הרי משה רבינו היה מלך, ואין מושיבין מלך בסנהדרין**

**וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה אֶסְפָה לִּי שִׁבְעִים אִישׁ מִזִּקְנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר יָדַעְתָּ כִּי הֵם זִקְנֵי הָעָם וְשֹׁטְרָיו וְלָקַחְתָּ אֹתָם אֶל אֹהֶל מוֹעֵד וְהִתְיַצְּבוּ שָׁם עִמָּךְ:** (במדבר יא, טז)

### גמרא מסכת סנהדרין

אין די ערשטע משנה אין **מסכת סנהדרין** (ב, א) שטייט: **סנהדרין גדולה היתה של שבעים ואחד** - די סנהדרין הגדול איז געווען צוזאם געשטעלט פון איין אין זיבעציג סנהדרין, און די משנה איז ממשיך און ברענגט די מקור צו דעם: **מנין לגדולה שהיא של שבעים ואחד? שנאמר אספה לי שבעים איש מזקני ישראל, ומשה על גביהן** - ווייל אין פסוק שטייט אז די אייבישטער האט געזאגט פאר משה רבינו אז ער זאל צוזאם נעמען זיבעציג פון די זקני ישראל, און צוזאמען מיט משה רבינו איז עס געווען איין אין זיבעציג. און די גמרא דארט (טז, ב) פרעגט: **מאי טעמא דרבנן דאמרי ומשה על גביהן** - פירוש: פון ווי זעהט מען אין די פסוק אז משה רבינו איז געווען א חלק פון די סנהדרין, אז מען זאגט אז עס איז געווען איין אין זיבעציג סנהדרין? ענטפערט די גמרא: **אמר קרא 'והתיצבו שם עמך' - עמך ואת בהדייהו,** דהיינו פון די ווארט 'עמך' לערנט מען ארויס אז די שבעים איש מזקני ישראל זענען געווען צוזאמען אין די מספר הסנהדרין מיט משה רבינו, זעהט מען פון דעם אז מיט משה רבינו איז די סנהדרין געווען די מספר פון איין אין זיבעציג.

### קושית האחרונים

די **אחרונים** פרעגן זייער א שטארקע קשיא אויף דעם וואס עס שטייט אז משה רבינו איז געזיצן במנין הסנהדרין. עס איז דא א סוגיא אין **מסכת זבחים** (קא, ב - קב, א) ווי עס שטייט אזוי: **אמר רב, משה רבינו כהן גדול** - משה רבינו איז געווען א כהן גדול, **וחולק בקדשי שמים היה** - און משה רבינו האט באקומען א חלק פון די קדשי שמים, **שנאמר** (ויקרא ח, כט) **וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת הֶחָזֶה וַיְנִיפֵהוּ תְנוּפָה לִפְנֵי ה' מֵאֵיל הַמִּלֻּאִים לְמֹשֶׁה הָיָה לְמָנָה כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת מֹשֶׁה.** קומט דא גמרא דארט און פרעגט אויף רב וואס זאגט אז משה רבינו האט משמש געווען אלץ כהן גדול: **מיתיבי, עס שטייט אין א ברייתא: חמש שמחות היתה אלישבע יתירה על בנות ישראל** - פירוש: די ווייב פון אהרן הכהן, וואס האט געהייסן 'אלישבע' [אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: וַיִּקַּח אַהֲרֹן אֶת אֱלִישֶׁבַע בַּת עַמִּינָדָב אֲחוֹת נַחְשׁוֹן לוֹ לְאִשָּׁה (שמות ו, כג)] האט געהאט פינף סיבות פארוואס צו זיין בשמחה ביום הקמת המשכן: 1. **יבמה מלך** - איר 'יבמה' דהיינו משה רבינו וואס איר מאן'ס ברידער[1], איז געווען א קעניג, 2. **אישה כהן גדול** - איר מאן, אהרן, איז געווען כהן גדול, 3. **בנה סגן** - איר זיהן אלעזר איז געווען א סגן כהן גדול, 4. **בן בנה משוח מלחמה** - איר אייניקל פינחס בן אלעזר איז געווען משוח למלחמה, 5. **ואחיה נשיא שבט** - און איר ברידער נחשון [בן עמינדב] איז געווען א די נשיא פון שבט יהודה. און די ברייתא פוהרט אויס אז אפילו זי האט געהאט פינף סיבות צו זיין בשמחה אין דעם טאג פון הקמת המשכן, אפילו אזוי: **ואבילה על שני בניה** - איז זי געווען א אבל אויף איר צוויי קינדער נדב ואביהו וואס זענען נפטר געווארן דעם טאג. עד כאן דברי הברייתא.

קומט די גמרא און איז מסיים די קשיא: **קתני מיהת: יבמה מלך, מלך אין, כהן גדול לא** - פירוש: לפי רב אז משה רבינו איז געווען א 'כהן גדול', פארוואס רעכנט די ברייתא אויס אז די מעלה פון משה רבינו איז געווען, אז ער איז געווען א 'מלך', לכאורה האט ער דאך געהאט נאך א מעלה אז ער איז געווען א 'כהן גדול'. ענטפערט די גמרא: **אימא: אף מלך** - דהיינו, דעם וואס די ברייתא שרייבט 'יבמה מלך', מיינט נישט אז משה רבינו געווען 'נאר' א מלך [און מען גייט מדייק זיין א כהן גדול נישט],

[1] הביאור הפשוט לכך שנקרא משה 'יבמה' של אלישבע, הוא שאחי הבעל נקרא כך גם כשאין לו מצוה לייבם (עי' רות א טז, שהכתוב קורא 'ערפה', 'יבימתה' של רות).

נאר עס מיינט אז ער איז געווען 'אויך' א מלך, און בעצם איז ער געווען אויך א כהן גדול.

ובהמשך הגמרא שטייט: **אמר עולא: בקש משה מלכות ולא נתנו לו, דכתיב: אַל תִּקְרַב הֲלֹם** (שמות ג, ה)**, ואין הלום אלא מלכות, שנאמר: מִי אָנֹכִי אֲדֹנָי ה' וּמִי בֵיתִי כִּי הֲבִיאֹתַנִי עַד הֲלֹם** (שמואל-ב ז, יח) - פירוש: עולא זאגט אז משה רבינו האט געבעהן פונעם אייבישטער 'מלכות', אבער די אייבישטער האט אים עס נישט געגעבן, אזוי ווי מען זעהט אין ספר שמואל אז דוד המלך האט געזאגט נאך וואס נתן הנביא האט געזאגט אז זיינע קינדער וועלן געוועלטיגן עד עולם, ווער בין איך אז די אייבישטער האט מיך געברענגט 'עד הלם', זעהט מען אז 'הלם' איז א לשון פון מלכות, און ביי די פרשה פון די סנה, שטייט אז די אייבישטער האט געזאגט פאר משה רבינו 'אל תקרב הלם', זעהט מען פון דעם אז משה רבינו האט נישט באקומען קיין 'מלכות'. קומט די גמרא און פרעגט: **מתיב רבא, רבי ישמעאל אומר: יבמה מלך** - פירוש: אין די ברייתא וואס מען האט פריער געברענגט שטייט בפירוש אז משה רבינו איז געווען א 'מלך', איז ווי אזוי זאגט עולא אז משה רבינו איז נישט געווען קיין מלך? ענטפערט די גמרא: **אמר רבא: לו ולזרעו קאמר** - פירוש: משה רבינו איז זיכער געווען א 'מלך', און דעס וואס עס שטייט ביי די סנה 'אל תקרב הלם', וואס איז משמע אז משה רבינו האט נישט באקומען קיין מלכות, מיינט נישט אז ער אליין האט נישט באקומען קיין מלכות, נאר עס מיינט אז ער האט נישט באקומען די מלכות 'לו ולזרעו', דהיינו זיינע קינדער האבן נישט ממשיך געווען מיט די מלכות [לעומת דוד המלך]. אבער לעולם איז משה רבינו יא געווען א מלך. על כל פנים זעהט מען פון די סוגית הגמרא אין זבחים, אז משה רבינו איז געווען א 'מלך'.

אויב אזוי פרעגט די אחרונים, עס איז דאך א ברייתא מפורשת אין **מסכת סנהדרין** (יח, ב) **'אין מושיבין מלך בסנהדרין'**, דהיינו א מלך מעג נישט זיצן אין די סנהדרין, **דכתיב** (שמות כג, ב) **וְלֹא תַעֲנֶה עַל רִב**, און פון דעם וואס די תורה שרייבט די ווארט רִב אן קיין 'יו"ד', דרשנ'ט מען אזוי ווי עס וואלט געשטאנען **'לֹא תַעֲנֶה עַל רַב'**, דהיינו עס איז דא אן הזהרה אויף די חברי הסנהדרין אז זיי מעגן זיך נישט קריגן אויף 'רַב', און אויב אזוי אויב גייט א מלך זיצן אין די סנהדרין, און ער גייט זאגן זיין דעה באיזה ענין, גייען די חברי הסנהדרין זיך נישט קענען קריגן מיט אים, וועגן דעם מעג נישט א מלך זיצן אין סנהדרין.

איז ווען מען נעמט צאם די דריי גמרות [סנהדרין ב, א; זבחים קב, א; סנהדרין יח, ב] ווערט זייער שווער, ווי אזוי האט משה רבינו געקענט זיצן און זיין א חלק פון די סנהדרין [וְהִתְיַצְּבוּ שָׁם עִמָּךְ], משה רבינו איז דאך געווען א 'מלך' [יבמה מלך], און א מלך מעג דאך נישט זיין א חלק פון די סנהדרין [לא תענה על רַב]?

## תירוצו ומהלכו של המרכבת המשנה

דער גרויסע גאון החריף הנערץ בסוד קדושים **רבי דוד משה אברהם אשכנזי זצ"ל** אב"ד רוהטין אין גאלציא אין זיין הפלא'דיגע חיבור **'מרכבת המשנה'** אויף מכילתא שרייבט א הערליכע ביאור בדינו של משה רבינו.

די **מכילתא** אין **פרשת יתרו** (א, יג) זאגט אויף די פסוק (שמות יח, יב) **וַיָּבֹא אַהֲרֹן וְכֹל זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל לֶאֱכָל לֶחֶם עִם חֹתֵן מֹשֶׁה לִפְנֵי הָאֱלֹהִים. ומשה להיכן הלך? והלא מתחילה יצא לקראתו, שנאמר** (שם ז) **וַיֵּצֵא מֹשֶׁה לִקְרַאת חֹתְנוֹ, ועכשיו להיכן הלך? אלא מלמד שהיה עומד ומשמש לפניהם, מהיכן למד מאברהם אבינו** - פירוש: אין די פסוק שטייט אז משה רבינו איז ארויס געגאנגען לקראת חותנו יתרו, און שפעטער, שטייט אין פסוק 'ויבא אהרן וכל זקני ישראל לאכל לחם', און דארט שטייט נישט אז 'ויבא משה', איז לכאורה שווער ווי איז משה רבינו געגאנגען? זאגט די מכילתא אז משה רבינו האט באדינט די ציבור בשעת די סעודה.

קומט דארט דער מרכבת המשנה און שרייבט אזוי: **הקשה מוהר"ר אליעזר אשכנזי** (מעשי ה' כאן) **הרי מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול** (קידושין לב, ב)**, והניח הדבר בצריך עיון** - פירוש: דער גרויסע גאון און מפרש התורה **רבי אליעזר אשכנזי זצ"ל** וואס איז מפורסם על שם חיבורו **'מעשי ה'"** פרעגט, ווי אזוי האט משה רבינו געמעגט משמש זיין די ציבור בשעת די סעודה, די **גמרא** זאגט דאך אין **מסכת קידושין** (לב, ב) מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול, שנאמר (דברים יז, טו) שׂוֹם תָּשִׂים עָלֶיךָ מֶלֶךְ - שתהא אימתו עליך, דהיינו א מלך קען נישט מוחל זיין אויף זיין כבוד, אזוי ווי מען לערנט ארויס פון די פסוק 'שום תשים עליך מלך', און אויב גייט די מלך מוחל זיין אויף זיין כבוד וועט ער נישט האבן קיין אימה אויף די ציבור, און אויב אזוי ווי אזוי האט משה רבינו געמעגט מוחל זיין אויף זיין כבוד און משמש זיין די ציבור בשעת'ן סעודה?

איז דער מרכבת המשנה ממשיך און ברענגט אראפ א תירוץ אויף די קשיא: **והרב בעל צדה לדרך תירץ דמשה לא היה רק נשיא, וראיה לדבר מדתנן פרק קמא דסנהדרין, סנהדרין היתה של שבעים ואחד וכו', ומשה על גביהון, ואי מלך היה הרי מלך לא דן ולא דנין אותו, עכ"ל.** - פירוש: דער מרכבת המשנה ברענגט אראפ א תירוץ פון דער גרויסע גאון ומגדולי הדור **רבי יששכר בער איילניבורג זצ"ל** המפורסם על שם חיבורו 'באר שבע', וואס שרייבט אין זיין ספר 'צידה לדרך' בפרשת יתרו ווי דער צידה לדרך ברענגט אראפ די קושיא פון דער מעשי ה', און ער שרייבט: **ואני תמיה מאד עליו הלא שתי תשובות בדבר, חדא שהרי באמת לא היה משה מלך רק נשיא, וראיה ברורה מהא דתנן בפרק קמא דסנהדרין** (ב, א) **גדולה היתה של שבעים ואחד... מנין לגדולה שהיא של שבעים ואחד שנאמר** (במדבר יא, טז) **אספה לי שבעים איש מזקני ישראל, ומשה על גביהן וכו'... הרי אתה רואה מפורש שהנשיא עומד תחת משה רבינו, שמע מינה בהדיא שמשה היה נשיא ולא מלך, כי מלך לא דן ולא דנין אותו כדתנן בפרק ב דסנהדרין** (דף יח א) - פירוש: דער בעל צידה לדרך ענטפערט א חידוש פון א תירוץ, אז באמת איז משה רבינו נישט געווען א 'מלך', נאר ער איז געווען א 'נשיא', און דער צידה לדרך איז ממשיך און ברענגט א 'ראיה' צו זיין חידוש אז משה רבינו איז נישט געווען א 'מלך', פון דעם וואס מען זעהט אין די ערשטע משנה אין סנהדרין אז משה רבינו איז געווען אין די סנהדרין, און די הלכה איז דאך אז 'מלך לא דן ולא דנין אותו', איז על כרחך זעהט מען אז משה רבינו האט נישט געהאט קיין דין פון א מלך, נאר ער האט געהאט א דין פון א 'נשיא', און ביי א נשיא שטייט דאך אז 'נשיא שמחל על כבודו כבודו מחול', און וועגן דעם האט משה רבינו געקענט עומד ומשמש זיין. עד כאן דברי הצידה לדרך.

קומט דער מרכבת המשנה און ער איז נושא ונותן אין די תירוץ פון דער צידה לדרך, וזה לשונו: **ואני משתומם, ושותא דהרב לא ידענא, דהא דמלך לא דן פרק קמא דף יט** (עמוד ב) **מסקנת הש"ס דאינו אלא מצד תקנת חכמים משום מעשה שהיה דינאי המלך, ואי מדיני נפשות קשיא ליה דלכולי עלמא אין מושיבין מלך בסנהדרין משום דלא תענה על ריב. איכא**

**למימר דבדיני נפשות לא היה יושב עמהם באמת** - פירוש: ווי פריער געשריבן איז די מקור אז א מלך מעג נישט זיין אין די סנהדרין איז פון דעם וואס עס שטייט 'לא תענה על רַב', אבער די גמרא דארט (יט, ב) שרייבט אז די דין אז א מלך קען נישט דן זיין [דהיינו ער קען נישט זיין א חלק פון די סנהדרין] איז א **'תקנת חכמים'** משום מעשה שהיה (עי' שם האריכות המעשה), זאגט דער מרכבת המשנה, אז די הלכה אז 'אין מושיבין מלך בסנהדרין' וואס דעס לערנט מען ארויס פון 'לא תענה על רב', רעדט מען פון דיני תורה על דיני נפשות (ובאמת כן כתב רש"י בהדיא בגיטין נט, א ד"ה מן הצד, ואכמ"ל), דהיינו א מלך מעג נישט זיין ביי דיני תורה של דיני נפשות, אבער ביי דיני תורה של ממונות איז נישט דא קיין מקור לאיסור מן התורה, אין דעם האבן די חכמים שפעטער גע'אסר'ט און געזאגט 'מלך אין דן', דהיינו דיני ממונות. לפי זה זאגט דער מרכבת המשנה פאלט אוועק די ראיה פון דער צידה לדרך אז משה רבינו האט נישט געהאט א 'דין מלך', ווייל מען קען זאגן אז דעם וואס עס שטייט אין די משנה אז משה רבינו איז געוועהן א חלק פון די סנהדרין רעדט מען ביי דיני תורה של דיני ממונות, וואס איז נאר שפעטער געווארן אסור מכח 'תקנת חכמים', און דעם וואס עס שטייט אז אין מושיבין מלך בסנהדרין רעדט מען דאך פון דיני נפשות, און ביי די דיני תורה איז משה רבינו טאקע נישט געוועהן, און אויב אזוי פאלט אוועק די תירוץ פון דער צידה לדרך אז משה רבינו איז 'נישט' געוועהן א 'מלך', און לעולם איז משה רבינו יא געוועהן א 'מלך', און אויב אזוי איז הדרא קושיות המעשה ה' לדוכתא, אז ווי אזוי האט משה רבינו געקענט מוחל זיין אויף זיין כבוד און משמש זיין די ציבור ביי די סעודה.

און דער מרכבת המשנה איז ממשיך: **ולכאורה היה נראה לומר כשיטת הרב ז"ל דלא היה אלא נשיא, מאי דמיבעיא לן בש"ס בכמה דוכתי אי כהני שלוחי דידן או שלוחי דרחמנא נינהו, ובזבחים דף קא דמשה רבינו כהן גדול וחולק בקדשי שמים היה, ותיפוק ליה דעל כרחך שלוחי דרחמנא נינהו, דאי שלוחי דידן נינהו היאך מצי משה מחיל ליקריה בשימושו, שהרי מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול** - פירוש: דער מרכבת המשנה קומט מיט זיין חריפות און ברענגט א 'ראיה' צו דעם צידה לדרך אז משה רבינו האט נישט געהאט א דין פון א 'מלך' נאר א דין פון א 'נשיא'. די גמרא האט כמה פעמים די שאלה (עי' נדרים לה, ב; יומא יט, א; קידושין כג, ב) צו **הני כהני** - די כהנים וואס טוהן די עבודה אין די בית המקדש, **שלוחי דידן הוו** - צו זיי זענען שלוחים פון כלל ישראל, **או שלוחי דשמיא** - אדער זיי זענען שלוחים פון דעם אייבישטער צו טוהן די עבודה אין די בית המקדש, אבער זיי זענען נישט קיין שלוחים פון כלל ישראל. זאגט דער מרכבת המשנה אויב איז אמת אז משה רבינו האט געהאט א דין פון א מלך, וואלט די גמרא געדארפט פושט זיין אז הני כהני שלוחי דרחמנא נינהו, פון דעם וואס מען זעהט אז (מובא לעיל) 'משה רבינו כהן גדול היה וחולק בקדשים היה', דהיינו משה רבינו איז געוועהן א כהן גדול און געטוהן די עבודה אין די בית המקדש, און אויב משה רבינו איז געוועהן א מלך קען מען נישט זאגן 'הני כהני שלוחי דידן', ווייל א מלך מעג נישט זיין א 'שליח' פון איינעם, ווייל כדי צו זיין א שליח דארף מען מוחל אויף זיין אויף די כבוד, אבער די הלכה איז דאך א מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול. איז על כרחך אויב זאגט מען אז משה רבינו האט געהאט א דין פון א מלך, מיז מען זאגן אז 'כהני שלוחי דרחמנא נינהו', וואס דעמאלטס קען משה רבינו טוהן די עבודה אין די בית המקדש, ווייל ער איז א שליח פון די אייבישטער. און פון דעם וואס די גמרא איז נישט פושט פון דער גמרא אז 'משה רבינו כהן גדול היה', איז על כרחך זעהט מען אז משה רבינו האט נישט געהאט א דין פון א 'מלך', און וועגן דעם קען מען נישט פושט זיין צו כהנים שלוחי דידן נינהו אדער שלוחי דרחמנא, ווייל משה רבינו איז נישט געוועהן א מלך, נאר א נשיא, און א נשיא קען זיין 'שלוחי דידן', ווייל ער קען מוחל זיין אויף זיין כבוד.

נאכן שרייבן די אלע פלפולים והוכחות צו משה רבינו האט געהאט א דין פון א מלך צו נישט, קומט דער מרכבת המשנה און שרייבט: **אפס ש"ס ערוך הוא בזבחים שם, וממה דשקלו וטרו שם מבואר דמשה מלך גמור היה** - פירוש: אלע ראיות און הוכחות צו משה רבינו האט געהאט דין מלך צו נישט איז אלעס פיין און וואויל, אבער עס איז דאך א גמרא מפורשת (מובא לעיל באריכות) אז משה רבינו איז געוועהן א מלך, און אויב אזוי איז זייער שווער אויף דער צידה לדרך וואס שרייבט מיט א פשטות אז משה רבינו איז נישט געוועהן א מלך נאר א נשיא! ובנוסף איז יעצט הדרא קושית המעשה ה' לדוכתא, ווי אזוי האט משה רבינו עומד ומשמש געוועהן בשעת די סעודה פון יתרו?

קומט דער מרכבת המשנה און שרייבט צוויי תירוצים אויף די קשיא פון די מעשה ה', וזה לשונו: **אם לא דנימא סוגיא דברייתא דקמן כמאן דאמר דקודם מתן תורה בא יתרו, ועדיין לא נאמרה פרשה דשום תשים** (דברים יז, יד) **הנלמד ממנו להיות המלך אינו מוחל על כבודו** - פירוש: אין **מסכת זבחים** (קטז א) איז דא מחלוקת התנאים צו **'יתרו קודם מתן תורה היה'** אדער **'יתרו אחר מתן תורה היה'**, דהיינו די תנאים קריגן זיך צו יתרו איז געקומען צו כלל ישראל פאר מתן תורה אדער נאך מתן תורה, זאגט דער מרכבת המשנה אז לפי המאן דאמר אז 'יתרו קודם מתן תורה היה', איז די קשיא פון דער מעשי ה' נישט שווער, וויבאלד ווען יתרו איז געקומען איז נאך נישט געוועהן די פרשה פון 'שום תשום עליך מלך', וואס פון דעם לערנט מען ארויס אז 'מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול', און וועגן דעם האט משה רבינו - אפילו ער איז געוועהן א מלך - געמעגט משמש זיין ביי די סעודה.

נאך א הפלא'יגע תירוץ שרייבט דער מרכבת המשנה: **ואליבא דכולי עלמא יש ליישב על פי מסקנת התוספות פרק כהן גדול** (סנהדרין יט, א ד"ה ינאי המלך) **דעשה דכבוד תורה עדיף דכבוד מלך** - פירוש: די גמרא זאגט אין סנהדרין (יט, א) אז די בית דין הגדול איז געקומען צו ינאי המלך אים צו דן זיין אויף א דין תורה, און שמעון בן שטח האט געזאגט פאר ינאי המלך: ***ינאי המלך! עמוד על רגליך ויעידו בך***, דהיינו שמעון בן שטח האט געזאגט פאר ינאי המלך אז ער זאל אויף שטיין אזוי ווי די גמרא זאגט אין **מסכת שבועות** (ל, א): **וְעָמְדוּ שְׁנֵי הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר לָהֶם הָרִיב לִפְנֵי ה'** (דברים יט, יז) - **מצוה לבעלי דינין שיעמדו**, דהיינו עס איז דא א מצות עשה פאר די בעלי דינים צו שטיין בשעת א דין תורה.

קומט דארטן **תוספות** (ד"ה ינאי המלך) און פרעגט: **ואם תאמר והא אמרינן התם אפילו תלמיד חכם אינו צריך לעמוד משום דהאי עשה והאי עשה ועשה דכבוד תורה עדיף כדאמר בפרק שבועת העדות** (דף ל: ושם), **וכיון דחכם אינו צריך לעמוד כל שכן מלך, דטפי עדיף מלך מתלמוד חכם כדקאמר לקמן דאפילו למאן דאמר הרב שמחל על כבודו כבודו מחול, מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול שנאמר שום תשים עליך מלך וכו'** - פירוש: תוספות קומט און פרעגט א שטארקע קשיא. אין די גמרא דא אין סנהדרין איז מבואר אז אפילו א מלך מיז מקיים זיין די מצות עשה פון 'ועמדו שני האנשים', און ער מיז שטיין בשעת א דין תורה. די גמרא אבער אין מסכת שבועות (שם ל, ב) שטייט אז א 'תלמיד חכם' דארף

נישט שטיין ביי א דין תורה, און די טעם איז **'האי עשה'** - שטיין ביי א דין תורה איז א מצות עשה, **'והאי עשה'** - און מכבד זיין א תלמיד חכם איז א מצות עשה ('את ה' אלהיך תיראִ' (דברים ו, יג) - לרבות תלמידי חכמים. רש"י שם), **עשה דכבוד התורה עדיף** - און די עשה פון מכבד זיין א תלמיד חכם איז שטערקער ווי די עשה פון 'מצוה לבעלי דינין שיעמדו', און די תלמיד חכם דארף נישט שטיין. קומט תוספות און זאגט, אז אין די הלכה איז דאך אז 'רב שמחל על כבודו כבודו מחול', אבער 'מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול', און אויב אזוי קומט אויס אז די 'כבוד' פון א מלך איז אסאך מער הארבער, און אויב די גמרא זאגט אז א תלמיד חכם דארף נישט שטיין ביי א דין תורה, איז לכאורה כל שכן א 'מלך' דארף זיכער נישט שטיין ביי א דין תורה, מכח זיין מצות עשה פון 'שום תשום עליך מלך'?

קומט תוספות און ענטפערט: **וי"ל דודאי עשה דכבוד תורה עדיף, ואם כן אף על פי שאין תלמוד חכם היה צריך לעמוד, ינאי היה צריך לעמוד, והאי דתלמוד חכם יכול למחול על כבודו משאין כן מלך, הוא משום קרא דקאמר שום וגו' שתהא אימתו עליך כי כבודו בא לו משום דמצות המקום כך הוא ואין יכול להפקיע מצות המקום, אבל תלמוד תורתו דיליה, ויכול למחול היטב על כבודו דשלו היא כדאמרינן במסכת עבודה זרה** (דף יט.) **בתחלה נקראת על שמו של הקדוש ברוך הוא ולבסוף נקראת על שמו שנאמר אם בתורת ה' חפצו ובתורתו יהגה יומם ולילה** - פירוש: תוספות ענטפערט אז בעצם איז די 'כבוד' פון א תלמיד חכם גרעסער ווי די כבוד פון א 'מלך', און וועגן דעם איז די הלכה אז א תלמיד חכם טאר מען נישט לאזן שטיין ביי א דין תורה, מה שאין כן א מלך דארף יא שטייט, און אזוי ווי שמעון בן שטח האט געהייסן פאר ינאי המלך, און די טעם פארוואס 'רב שמחל על כבודו כבודו מחול', מה שאין כן א מלך קען נישט מוחל זיין אויף זיין כבוד, איז נישט וויבאלד א מלך דארף מען מער מכבד זיין, נאר די טעם איז, וויבאלד די כבוד פון א תלמיד חכם איז 'זיין כבוד', און אזוי ווי די גמרא זאגט אין מסכת עבודה זרה (יט, א) אז די תורה פון א תלמיד חכם ווערט אנגערופן אויף 'זיין' נאמען, און וויבאלד די תורה איז זיינס, קען ער מוחל זיין אויף 'זיין' כבוד, מה שאין כן א מלך, וואס די גאנצע טעם פארוואס מען דארף מכבד זיין און מורא האבן פון א מלך איז נאר מכח די ציווי פונעם בורא 'שום תשים עליך מלך', וועגן דעם קען נישט די מלך מוחל זיין די כבוד וואס די אייבישטער האט אים געשאנקן. עד כאן דברי התוספות.

לפי זה קומט דער מרכבת משנה און זאגט: **אם כן יש לחלק ולומר דבהיותו מלך לחוד אינו יכול למחול על כבודו, אבל אם הוא מלך ורבן של ישראל ואז העשה דהמלכות טפלה לעשה דכבוד תורה, מיגו דמצי מחיל לכבוד תורה, דרב מצי מחיל ליקריה מחיל נמי אכבוד מלכות** - פירוש: ווי מען האט געזעהן פון דער תוספות אין מסכת סנהדרין קומט אויס, אז בעצם איז די 'כבוד פון א תלמיד חכם' גרעסער פון די 'כבוד פאר א מלך', און אויב אזוי דא ביי משה רבינו וואס משה רבינו האט געהאט אויף זיךביידע מעלות, סיי ער איז געוועהן די 'רבן של ישראל', און סיי ער איז געוועהן א 'מלך', איז וויבאלד מדין תלמיד חכם האט משה רבינו געקענט מוחל זיין אויף זיין כבוד, אזוי ווי די הלכה איז אז 'רב שמחל על כבודו כבודו מחול', האט ער מכח דעם שוין אויך געקענט מוחל זיין אויף די 'צד המלך שבו', אפילו בעצם אייביג א מלך קען נישט מוחל זיין אויף זיין כבוד. און די וועג ווי אזוי דעס ארבעט איז מכח א 'מיגו' - דהיינו מען זאגט 'וויבאלד'. - וויבאלד משה רבינו האט געקענט מוחל זיין מצד התלמיד חכם שבו, האט ער אויך געקענט מוחל זיין אויף די צד המלך שבו, אפילו סתם א מלך קען נישט.  און ווי דער מרכבת המשנה איז ממשיך און ברענגט א הפלא'דיגע ראיה אז מען קען זאגן אזא 'מיגו': **וכדמות ראיה לזה שיטת הש"ס דסוכה דף ז** (עמוד א) **דיתירה סוכה דשבת אסוכה דעלמא, דמיגו דהוה דופן לסוכה הוה נמי דופן לשבת דסוכה, כמוהו משה דאיהו רבן דישראל דהואיל דמחיל על כבוד תורה החמורה, מחיל נמי אכבוד עשה דמלכות** - פירוש: די הלכה איז ביי 'הלכות שבת' אז כדי א רשות זאל הייסן א 'רשות היחיד' מיז האבן די רשות 'דריי גאנצע ווענט'. מה שאין כן ביי סוכה איז די הלכה 'שתים כהלכתן ושלישית אפילו טפח', דהיינו א סוכה הייסט א כשר'ע סוכה אפילו עס האט נישט קיין דריי גאנצע ווענט, נאר צוויי גאנצע ווענט און די דריטע וואנט איז נאר א טפח. קומט די גמרא דארט און זאגט אז ווען איינער גייט בויען זיין סוכה און א רשות הרבים וואס איז נעבן זיין הויז, דהיינו פון די טיהר פון זיין הויז גייט ער אריין אין זיין סוכה, און די סוכה איז געבויעט אזוי ווי די הלכה איז ביי סוכה אז עס איז כשר, דהיינו שתים כהלכתן ושלישית אפילו טפח, דעמאלטס זאגט מען אז 'מיגו דהויא דופן לענין סוכה, הויא דופן לענין שבת', דהיינו אפילו לעולם - אינמיטן יאר - וועט אזא סוכה נישט ווערן פארעכנט ווי א 'רשות היחיד' לענין שבת, וויבאלד עס האט נישט קיין דריי גאנצע ווענט, און אויב איינער גייט מטלטל זיין פון זיין הויז צו די סוכה א גאנץ יאר, גייט ער עובר אויף זיין אויף די איסור הוצאה מרשות היחיד לרשות הרבים, סוכות אבער גייט די דין זיין אנדערש, דהיינו מען גייט זאגן אז די סוכה ווערט יאר גערעכנט ווי א רשות היחיד, און מען גייט מעגן מטלטל זיין פון די הויז צו די סוכה, אפילו עס האט נישט קיין גאנצע דריי ווענט. זאגט די מרכבת המשנה אז הוא הדין דא ביי משה רבינו זאגט מען די זעלבע זאך, אז אפילו לעולם קען נישט א מלך מוחל זיין אויף זיין כבוד ווייל עס איז דאך דא א עשה פון 'שום תשים עליך מלך', אבער אויף א פאהל אז די מלך איז אויך א תלמיד חכם אזוי ווי דא ביי משה רבינו, גייט מען זאגן אז 'מיגו' ער קען מוחל זיין די צד התלמיד חכם שבו, קען ער אויך מוחל זיין די צד המלך שבו, און וועגן דעם האט משה רבינו געמעגט עומד ומשמש זיין בשעת די סעודה פון יתרו. עד כאן דברי המרכבת המשנה.

על כל פנים וואס אינז נעמען ארויס מתוך הדברים פון די מרכבת המשנה אויף אינזער קשיא וואס אינז האבן געפרעגט, ווי אזוי האט משה רבינו געמעגט זיין אין די סנהדרין, משה רבינו האט דאך געהאט א דין פון א מלך, און א מלך מעג נישט זיין אין די סנהדרין, האבן מיר געזעהן אז די מרכבת המשנה האט שוין מחלק געוועהן און פארענטפערט, אז די משנה בתחילת מסכת סנהדרין רעדט פון 'דיני ממונות' וואס דעס האט משה רבינו געמעגט דן זיין, און נאר ביי דיני תורה פון 'דיני נפשות' האט משה רבינו נישט געמעגט דארט זיין.

וכשני נביאים המתנבאין בסגנון אחד ענטפערט אזוי דער גרויסע גאון ורבן של ישראל דער **'נצי"ב'** אין זיין ספר **'מרומי שדה'** (שבועות טו, א) ווי איינער האט אים געפרעגט די קשיא, וזה לשונו: **משה מלך היה, עיין... ברמב"ם על התורה על הפסוק ויהי בישרון מלך, והקשה אחד מן החברים, אם כן לרבנן לרבי יהודה בסנהדרין דמשה בכלל סנהדרין היה ובעינן שבעים ואחד, והא אין מושיבין מלך בסנהדרין כדתניא שם דף יח, ב, משום לא תענה על רב?** קומט דער נצי"ב און ענטפערט: **וצריכין לומר דבעת שהיו דנין דיני נפשות, היו מושבין אחר במקומו של משה, ורק בשאר דברים היה משה בהדייהו!**

להערות והארות או לקבל הגליון אפשר לפנות להמייל mgudim1044@gmail.com